לעילוי נשמת

הרה"ח אי"א וכו' ר' אליעזר ליפמאַן

בן הרה"ג והרה"ח וכו' ר' מנחם מענדל ע"ה

דובראווסקי

נפטר י"א כסלו, ה'תש"ב

ובנותיו מנוחה וצבי' ע"ה

כתובתינו באינטרנט: http://www.moshiach.net/blind



# לקוטי שיחות

•

מכבוד קדושת

## אדמו"ר מנחם מענדל

### שניאורסאהן

### מליובאוויטש

## ויצא

יוצא לאור על ידי מערכת

"אוצר החסידים"

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ששים ואחת לבריאה

יובל שנים לנשיאות כ"ק אדמו"ר מה"מ

## ויצא ב

א. אין דער היינטיקער סדרה איז דאָ אַ פּירוש רש״י וואָס בהשקפה ראשונה זעט אויס, אַז רש״י האָט מעתיק געווען דעם פּירוש (כמעט אות באות) פון גמרא, אָבער לאחרי העיון (ובפרט בדיוק לשון רש״י) זעט מען, אַז רש״י האָט דערביי גאָר אַן אַנדער כוונה.

אויפן פּסוק[1] „הארץ אשר אתה שוכב עלי׳ לך אתננה ולזרעך״ זאָגן חז״ל (אין גמרא[2]): הארץ אשר אתה שוכב עלי׳ וגו׳ מאי רבותי׳ (וכי[3] ארבע אמות משכבו הבטיחו לתת לבניו? — רש״י), אמר רבי יצחק מלמד שקפלה הקב״ה לכל א״י והניחה תחת יעקב אבינו (כדי[4] שתהא נוחה ליכבש לבניו (כד׳ אמות של משכבו[5] — רש״י).

רש״י בפירושו על התורה שטעלט זיך אויף די ווערטער „שוכב עלי׳״ און איז מפרש: קיפל הקב״ה כל א״י תחתיו רמז לו שתהא נוחה ליכבש לבניו.

לערנען מפרשים[6], אַז רש״י איז דאָ אויסן די זעלבע שאלה ווי אין גמרא — „מאי רבותי׳״ — און ער פאַרענטפערט (ווי אין גמרא), אַז „קיפל הקב״ה כל א״י תחתיו״, און דער חידוש („רבותי׳״) פון דער הבטחה איז — „שתהא נוחה ליכבש לבניו״ (פונקט ווי ס׳איז גרינג צו כובש זיין „ד׳ אמות של משכבו״).

מען דאַרף אָבער פאַרשטיין:

א) וויבאַלד אַז אפילו בפירושו לש״ס דאַרף רש״י מוסיף זיין די הסברה (אויף לשון הגמרא „שתהא נוחה ליכבש לבניו״) „כד׳ אמות של משכבו״, איז דאָך כ״ש אַז ער האָט געדאַרפט מוסיף זיין אָט די ווערטער (והסברה) אין זיין פירוש לתורה (וואָס איז געשריבן געוואָרן, כמדובר כמ״פ, (אויך) פאַר אַ בן חמש למקרא)?[7]

ב) אויב די שוועריקייט אין פסוק איז „מאי רבותי׳״ (ווי קען מען זאָגן אַז דער אויבערשטער האָט אים מבטיח געווען בלויז „ד׳ אמות״ פון דעם ארץ) — איז ניט גלאַטיק: רש״י האָט געדאַרפט מעתיק זיין פון פסוק אויך די ווערטער „הארץ אשר אתה (שוכב עלי׳)״[8], וואָרום די שוועריקייט איז דאָך ניט אין די ווערטער „שוכב עלי׳״ פאַר זיך, נאָר אין דעם, וואָס דער שטח הארץ „אשר אתה שוכב עלי׳״ איז גאָר קליין (ד׳ אמות)?

פון דעם איז מובן, אַז (לויט פשוטו של מקרא — ובמילא) ביי רש״י׳ן איז ניט שווער די שאלה פון גמרא „מאי

---

1) פרשתנו כח, יג.
2) חולין צא, ב.
3) כ״ה בהגהת הב״ח שם. רא״ם פרשתנו כאן.
4) ראה גם זהר פרשתנו (קנו, רע״א): וכי ההוא אתר בלחודוי אבטח לי׳ קב״ה דהא ארבע אמין או חמשא הוו ולא יתיר.
5) כ״ה בדקס״ חולין שם בשם „כל הכי״״ (וראה לקמן הערה 9). וראה לקמן בפנים סעיף ב ויו״ד.
6) ס׳ הזכרון, רא״ם, גו״א, באר מים חיים (לאחי המהר״ל), דבק טוב ועוד.

---

7) בכו״כ דפוסי רש״י שלפנינו, נדפס בסוגריים „כד׳ אמות שזה מקומו של אדם״ (ובדפוסים אחדים נדפסו התיבות „כד׳ אמות״ בלי סוגריים). אבל בדפוס א״ דרש״י ובכל כת״י רש״י שתחת׳ (לבד א׳) ליתא תיבות אלו.
8) כמו בגמרא, שמעתיק גם תיבות אלו.

---

*) בצילום דפוס שני שתחדי נתוספו תיבות אלו על הגליון.





# יו״ד – י״ט כסלו

. . . ובהמצאנו בין גאולה לגאולה, גאולת אדמו״ר האמצעי וגאולת אביו אדמו״ר הזקן, שהן גם גאולתנו, שהרי גופא בתר רישא אזיל, ובפרט באם המדובר בחסיד שלהם — ז.א. הלומד תורתם ותורתם גם מלמדת (ומדריכה) אותו ועד למעשה שלו.

— ולהעיר מדברי כ״ק מו״ח אדמו״ר אשר ארבעה אופנים בשייכות של רבי וחסיד: א) אופן דרב ותלמיד (משפיע ומקבל). ב) דהתקשרות דביקות והתאחדות גמורה ע״י תורה ועבודה. ג) דאב ובן. ד) מאור ואור (שיחת שמח״ת תרצ״ד ס״ב. עיי״ש) —

יהי רצון שיחליט כל אחד מאתנו, בתוך כלל ישראל, להוסיף בתורה ומצות בכלל ובהפצת המעינות ביחוד,

ותבוא החלטה זו בעשי׳ בפועל חדורה אור וחיות ומתוך שמחה וטוב לבב.

(ממכתב י״ז כסלו תשכ״א)

. . . ובעמדנו בין גאולה לגאולה, וכמבואר במ״א החילוק שביניהם, אבל ביחד עם זה הצד השוה שהם גאולה נראית ונגלית לעיני בשר, ולא עוד אלא בהסכם מלא של הלעו״ז, שהי׳ מעלים ומסתיר מלפני הגאולה,

יהי רצון שיהי׳ כן בכל הענינים אודותם כותב, וכאמור אשר הפרטים שהעלימו והסתירו עד עתה, יהפכו למסייעים וגואליים.

וע״פ פתגם רבותינו נשיאינו אשר, כאשר הקב״ה נותן לבני ישראל היכולת ואפשריות יראו בנ״י איך שהם מקיימים בזה הענין דבכל דרכיך דעהו,

שזהו מנקודה הפנימית של תורת החסידות והדרכתה לעבוד את ה׳ בכל הענינים ועד לפרטיהם,

ובנקודה פנימיות עוד יותר, להראות להעולם כי ה׳ הוא האלקים ואין עוד מלבדו.

תהי׳ העבודה בזה מבלי העלמות והסתרים ובשמחה ובטוב לבב.

בברכה לבשו״ט ובברכת חג הגאולה

(ממכ׳ ח״י כסלו תשכ״ב)

# בשורת הגאולה

אדמו״ר, און נאָך ארבעים שנה פון הסתלקות כ״ק מו״ח אדמו״ר האָט מען שוין אויך „לב לדעת ועינים לראות ואזנים לשמוע״[6]:

איצטער דאַרף נאָר זיין, כאמור, אַז מ׳זאָל אויפעפענען דעם „לב לדעת״ און אויפעפענען די „עינים לראות״ און אויפעפענען די „אזנים לשמוע״, און עד״ז — אויסנוצן אַלע רמ״ח אברים און שס״ה גידים הגשמיים — נוסף אויף לימוד התורה וקיום המצוות בכלל (רמ״ח מ״ע כנגד רמ״ח אברים[7] ושס״ה מל״ת כנגד שס״ה גידים[8]) — אויף לימוד פנימיות התורה כפי שנתגלתה בתורת החסידות וקיום הוראות רבותינו נשיאינו, כולל — לערנען וועגן עניני גאולה, אין אַן אופן אַז דאָס זאָל אויפעפענען דעם לב ועינים ואזנים — מ׳זאָל פאַרשטיין, זען און הערן בפשטות ממש אין גשמיות העולם — די גאולה האמיתית והשלימה בפועל ממש, און לערנען תורתו של משיח (פנימיות התורה) באופן של ראי׳, וואָס דאָס אַלץ איז שוין דאָ מן המוכן, מ׳דאַרף נאָר אויפעפענען די אויגן וועט מען עס זען!

. . . אויך דעם מנהג ישראל וואָס איז הולך ומתפשט בזמננו זה — צו לערנען עניני גאולה ועניני משיח, בכדי זיך און אַנדערע נאָכמער צוגרייטן צו דעם גילוי פון דער גאולה האמיתית והשלימה, כנ״ל.

(משיחות ש״פ ויצא, ט׳ כסלו תשנ״ב)

~

6) תבוא כט, ג.
7) מכות כג, סע״ב.
8) זח״א קע, ב.





רבותי״, נאָר ער באַוואָרנט בלויז (אַ שוועריקייט אין) די ווערטער „שוכב עלי׳״ אליין: ועד״ז דאָס וואָס „שתהא נוחה ליכבש לבניו״ ווייס מען (ניט פון דעם גודל שטח „הארץ אשר אתה שוכב עלי׳״, נאָר) פון די ווערטער „שוכב עלי׳״ גופא.

ב. אין דעם עצם הפירוש „רמז לו שתהא נוחה ליכבש לבניו״ דאַרף מען פאַרשטיין:

אין גמרא איז דער לשון „קפלה הקב״ה כו׳ (כדי) שתהא נוחה ליכבש לבניו״, אָבער רש״י איז (משנה ו)מוסיף: „רמז לו׳ שתהא נוחה כו׳״; וואָס אין פשטות איז דער חילוק ביניהם: „(כדי) שתהא נוחה ליכבש לבניו״ מיינט, אַז דאָס וואָס „קפלה הקב״ה כו׳״ האָט אויפגעטאָן אַז עס זאָל זיין „נוחה ליכבש כו׳״; משא״כ „רמז לו שתהא כו׳״ מיינט נאָר, אַז דער אויבערשטער האָט מרמז געווען מגלה געווען יעקב׳ן אַ זאַך וואָס וועט פאַסירן לאחר זמן, אַז דער כיבוש הארץ וועט זיין „נוחה״.

דאַרף מען פאַרשטיין: פאַרוואָס איז רש״י משנה פון גמראַ? ולכאורה, אדרבה: בשלמא לויט דער גמרא — אַז „קפלה הקב״ה כו׳״ האָט אויפגעטאָן „שתהא נוחה כו׳״ — איז פאַרשטאַנדיק די נויטיקייט אין דעם נס הקיפול: אויב אָבער צוליב געבן יעקב׳ן אַ רמז על העתיד איז דאָס (הודעת עתידות), ווי דערציילט פריער בא אברהם׳ן — דורך דיבור וכיו״ב[10]. דאַרף מען דען אַ נס און אַזאַ גרויסן נס (וואָס האָט ניט קיין אחיזה אין טבע), צו „צוזאַמענלייגן״ גאַנץ א״י אונטער (די ד׳ אמות של) יעקב[11]?!

ג. לכאורה קען מען ענטפערן: ע״ד הפשט איז שווער צו זאָגן, אַז דאָס וואָס „קיפל הקב״ה כו׳ תחתיו״ (פון יעקב׳ן), זאָל אויפטאָן די פעולה פון „נוחה ליכבש לבניו״ (כו״כ דורות לאח״ז)[12] — דערפאַר לערנט רש״י אַז דאָס איז געווען בלויז אַ רמז. עס בלייבט אָבער די שאלה — הודעת עתידות איז דאָך ע״י דיבור; ולא עביד הקב״ה ניסא למגנא[12*].

אויך איז ניט פאַרשטאַנדיק: דער תוכן הפירוש „קיפל הקב״ה כו׳״ ברענגט זיך

9) כ״ה בדפוסי רש״י שלפנינו ובדפוס שני דרש״י. אבל בדפוס ראשון דרש״י וכתי׳ רש״י שתח״י תיבות אלו ליתא (ובכמה כתי׳ — „כדי שתהא כו׳״. ראה לעיל הערה 5).

*) בצילום דפוס שני שתח״י, תיבות אלו מוקפות בסוגריים ומעל השורה הוגה „כדי״.

10) ראה פרש״י לך (טו, ט־יז) כו״כ רמזים.

11) כמו ששקו״ט במפרשי רש״י (גו״א, משכיל לדוד, באר יצחק ועוד) איך אפ״ל נס כזה (וביאורם — אינם כפשוטו (ע״ש), ולא נרמזו כלל ברש״י. ואכ״מ).

בחזקוני עה״פ, שכל זה הי׳ בחלום — אבל כמדובר כמה פעמים לשון פרש״י עה״ת הוא לכל לראש כפשוטו (כמובן לבן חמש) — היינו שקיפל כפשוטו ואמירת שוכב עלי׳ הי׳ בחלום.

12) בתו״ח חולין שם מפרש, דזה שנוחה ליכבש כו׳ הוא מפני שיעקב קנה א״י ע״י שקפלה תחתיו (וראה גם צרור המור וצפע״נ עה״ת פרשתנו עה״פ) ובמילא לא יהי׳ מקום לקטרוג כו׳ — ע״ד מ״ש ברשב״ם (ב״ב ק, א) במחז״ל גבי אברהם (הובא לקמן בפנים סעיף ד) —

אבל ע״ד הפשט לא מסתבר לומר שזה שידע יעקב שלשעה קיפל הקב״ה כו׳ פעל באופן טבעי שלא יערערו האומות כו׳ כו״כ דורות לאח״ז (ובפרט את״ל שכ״ז הי׳ בחלום, כבהערה הקודמת) [וגם בנוגע להילוך אברהם בארץ כו׳ שברשב״ם שם — ע״ד הפשט לא מסתבר לומר שע״ז נעשה נוחה ליכבש לבניו (ובפרט את״ל שלא קנה אברהם א״י ע״י הילוכו זה — ראה לקמן הערה 33), שלכן לא הביא רש״י זה בפירושו עה״ת, כדלקמן בפנים שם].

12*) ראה דרשות הר״ן דרוש ח הקדמה הא׳. וראה לקו״ש ח״ה ע׳ 124 ואילך (ועוד).

אויך אין מדרש[13], נאָר דאָרט איז דער אויספיר (ניט „שתהא נוחה ליכבש לבניו", נאָר) „כאינש דאמר מן תחות רישא דידך" — דערמיט האָט דער אויבערשטער געגעבן יעקב'ן בעלות אויף א״י[14].

היינט פאַרוואָס לערנט רש״י, אַז דער „קיפל הקב״ה כו'" איז געווען אַ רמז „שתהא נוחה ליכבש לבניו" וקשה כנ״ל — און לערנט ניט (כפירוש המדרש) אַז דאָס איז געווען צו באַווייזן די בעלות פון יעקב'ן גופא אויף א״י („מן תחות רישא דידך")?

ד. די תמי' אין דעם איז נאָך שטאַרקער: אויך בנוגע אברהם'ן זאָגט די גמרא[15], אַז דער טעם הציווי[16] „קום התהלך בארץ לארכה ולרחבה כי לך אתננה" איז „כדי שיהא נוח לכבוש לפני בניו" — אָבער דאָרט ברענגט עס רש״י ניט אַראָפּ. איז משמע, אַז דער ענין פון „נוחה ליכבש לבניו" דורך פעולת האב איז שווער צו זאָגן אין דרך הפשט[17]

— און דער מכוון פון „קום התהלך בארץ" איז בפשטות (ביז אַז רש״י דאַרף עס גאָרניט אָפּטייטשן בפירוש), אַז אברהם זאָל טאָן אַ פעולה — אַרומגיין וואו און ווי ער וויל און קיינער שטערט עם ניט, מעשה בעה״ב — וואָס באַווייזט זיין בעלות אויף ארץ ישראל (וכדלקמן סעיף ז) —

היינט פאַרוואָס לערנט רש״י אַז דער „קיפל הקב״ה כו'" ביי יעקב'ן איז (ניט געווען אַלס באַווייז פון זיין בעלות אויף א״י (כפירוש המדרש), נאָר) „רמז לו שתהא נוחה ליכבש לבניו[18]"?

ה. דער ביאור אין דעם:

אין פשוטו של מקרא איז מלכתחילה ניטאָ קיין אָרט אויף דער שאלה (פון גמרא) „מאי רבותי'" — ווייל די ווערטער „אשר אתה שוכב עלי'" (מיינען ניט דעם שטח מצומצם אויף וועלכן יעקב איז געלעגן, נאָר הארץ — די לאַנד, זיי) טייטשן אָפּ דעם וואָרט „הארץ" — בה״א הידיעה: וועגן וועלכער לאַנד איז דער מדובר — דאָס לאַנד אויף וועלכער דו ליגסט — „לך אתננה ולזרעך"[19].

דערפאַר שטעלט זיך ניט רש״י (אויך) אויף דעם וואָס עס שטייט (פריער[20]) ביי אברהם'ן „כי את כל הארץ אשר אתה רואה לך אתננה גו'" — דלכאורה תמוה ע״ד הנ״ל[21]: אַ מענטש קען דאָך זען בלויז אַ שטח מצומצם[22] (פון א״י[23]), ובפרט אַז זי איז אַן ארץ הרים ובקעות[24] — טאָ וואָס איז די כוונה פון דער

---

13) ב״ר עה״פ (פס״ט, ד).

14) שמוחזקת בידו כדבר המונח תחת ראשו (ראה יפה תואר השלם ורד״ל לב״ר שם. וראה לעיל הערה 12).

15) ב״ב ק, א (כדעת רבנן).

16) לך יג, יז.

17) ראה לעיל הערה 12.

18) בתר״ח חולין שם משמע שמפרש דהיינו הך, כי זה שנוח ליכבש לבניו הוא מפני שעי״ז קנה יעקב א״י (כנ״ל הערה 12) — אבל (נוסף על הנ״ל הערה 12) מזה גופא שרש״י (והש״ס) מדגיש נוחה ליכבש לבניו, מוכח, שהו״ע בפ״ע. וראה יפה תואר (השלם) לב״ר שם.

19) כמ״ש ביפה תואר (השלם) לב״ר שם (הועתק בעץ יוסף לע״י חולין שם). וראה גם ספורנו עה״פ (ודלא כמ״ש בבאר יצחק לרש״י כאן). ולהעיר גם מב' הגירסאות בת״א כאן א) „שרי עלה" ב) „שכיב עלה".

20) לך יג, טו.

21) כמו שהקשה בזהר פרשתנו (קנה, סע״ב) — ובהמשך לזה מקשה (עד״ז) עה״פ „הארץ אשר אתה שוכב עלי'" דפרשתנו (כנ״ל הערה 4).

22) בזהר שם: תלת פרסי או ארבע או חמש פרסי. וראה הנסמן בניצוצי זהר שם.

23) שהיא ת' פרסי על ת' פרסי (רש״י שלח יג, כה).

24) עקב יא, יא.





וכמדובר כמ״פ לאחרונה, אַז נאָך דעם ריבוי מופלג פון מעשינו ועבודתינו במשך כל הדורות, ובפרט נאָך דער עבודה פון רבותינו נשיאינו . . ביז די עבודה פון כ״ק מו״ח אדמו״ר נשיא דורנו — האָט מען שוין פאַרענדיקט אַלע בירורים,

כולל אויך — דעם בירור פון „עשו הוא אדום"[1] . . איז עשו שוין אינגאַנצן נתברר געוואָרן, ווי מ'זעט עס אויך אין דער הנהגה בזמן הזה (בגלות אדום) פון די אוה״ע וואָס שטאַמען פון „עשו הוא אדום", בדרך מלכות של חסד (און אַזוי ווערט נתפשט די הנהגה אין נאָך מדינות, ווי מ'האָט געזען און מ'זעט בפרט לאחרונה) —

איז דאָך פאַרשטאַנדיק, אַז איצטער האַלט מען שוין באַ דעם מצב אַז דער גוף הגשמי און אפילו גשמיות העולם איז שוין אינגאַנצן נתברר ונזדכך געוואָרן, און איז אַ „כלי" מוכן אויף אַלע אורות ועניינים רוחניים, כולל ובעיקר — אורו[2] של משיח צדקנו, אור הגאולה האמיתית והשלימה,

. . . און די איינציקע זאַך וואָס פעלט איז — אַז אַ איד זאָל אויפעפענען זיינע אויגן כדבעי, וועט ער זען ווי אַלץ איז שוין גרייט צו דער גאולה! מ'האָט שוין דעם „שולחן ערוך", מ'האָט שוין דעם לויתן ושור הבר ויין המשומר[3], און אידן זיצן שוין באַם טיש — „שולחן אביהם"[4] (מלך מלכי המלכים הקב״ה), צוזאַמען מיט משיח צדקנו (ווי עס שטייט אין ספרים[5] אַז בכל דור איז דאָ „א' מזרע יהודה שהוא ראוי להיות משיח"), ובדורנו נשיא דורנו כ״ק מו״ח

---

1) וישלח לו, א.

2) זח״ג לד, ב. הובא ונת' בלקוטי לוי״צ לזח״ג ע' ריט ואילך.

3) ראה ברכות לד, ב. ב״ב עה, א. ויק״ר פי״ג, ג. ועוד.

4) ברכות ג, סע״א.

5) פי' הברטנורא למגילת רות. וראה גם שו״ת חת״ס חו״מ (ח״ו) בסופו (סצ״ח). וראה שד״ח פאת השדה מע' האל״ף כלל ע'. ועוד.

הבטחה אז „הארץ אשר אתה רואה לך אתננה"[25]?

און אפילו אז מ'זאל זאגן, אז אברהם איז דאן געשטאנען אויף א הויכן בארג[26] און האט געקענט זען א שטח גדול ביותר („צפונה ונגבה וקדמה וימה"[27]) — איז אבער נאך אלץ א דוחק גדול צו זאגן, אז ער האט פון דארט געקענט זען גאנץ א"י לגבולותי' —

נאר ע"ד הפשט איז עס מעיקרא קיין קשיא ניט. ווייל „הארץ אשר אתה רואה" מיינט ניט צו מגביל זיין דעם שטח הארץ וועלכע אתננה אז עס וועט געגעבן ווערן נאר וויפל ער זעט, נאר עס איז בלויז א סימן וועלכע לאנד (ארץ) מ'וועט אים געבן — דעם לאנד וואס דו זעסט (בכללות) פאר זיך.

ו. די שאלה אין פסוק, וואס רש"י איז דא אויסן צו באווארענען, איז: צו וואס האט דער אויבערשטער בכלל געדארפט צוגעבן (די ווערטער „שוכב עלי'" ווי) א סימן אויף ארץ ישראל — עס וואלט דאך געווען גענוג ווען ער זאגט (ווי עס שטייט בכ"מ[28]) „הארץ הזאת לך אתננה גו'"[29]?

בשלמא ביי אברהם'ן איז פארשטאנדיק פארוואס דער אויבערשטער האט געזאגט צו אים „שא נא עיניך גו' הארץ אשר אתה רואה גו'", כרגיל באווייזן א מתנה וואס מ'גייט געבן, האבן הכרה אין דער זאך וואס מ'גיט אים;

אבער וואס גיט צו — „אשר אתה שוכב עלי'"?

דעריבער לערנט רש"י: „קיפל הקב"ה כל א"י תחתיו" — מיט זאגן „הארץ אשר אתה שוכב עלי'" איז דער אויבערשטער געווען אויסן צו געבן א סימן (ניט אויפן ארץ — ווי עס איז געווען בא „אשר אתה רואה" פון אברהם'ן — נאר) אויף יעקב'ס בעלות אויפן ארץ[30] — בדוגמא צו „קום התהלך בארץ" פון אברהם (כנ"ל סעיף ד).

ז. דאס איז אבער נאך ניט מספיק, ווייל:

דער טעם (לויט דרך הפשט) פארוואס דער אויבערשטער האט געזאגט אברהם'ן „קום התהלך בארץ", איז ניט ווייל דערמיט ווערט שטארקער די הבטחה פון דעם אויבערשטן („לך אתננה ולזרעך")

— ע"ד הדרוש כר' איז דא א חילוק צווישן דעם אויבערשטנ'ס הבטחה ווי זי איז נאר בכח, און ווי זי איז פארבונדן מיט א „פועל"[31]. אבער ע"ד הפשט, איז ווען דער אויבערשטער איז מבטיח, פעלט ניט אין דעם אז מ'זאל עס דארפן פארבינדן מיט א „פועל"[32] —

25) ברש"י ויחי (מט, כו) „ולא הראהו אלא א"י בלבד", ומשמע לכאורה שהקב"ה הראהו (בדרך נס) כל א"י (וראה גם אוה"ח לך שם).

אבל — אינו. כי מזה גופא שעל אתר לא פי' שהי' בזה נס (וראה אוה"ח לך שם, שהי' נס ע"ד קפיצת הדרך ומה שקיפל כו' תחתיו), מוכח שהי' ענין טבעי (ולהעיר מרש"י ברכה לד, א ואילך). וברש"י „ולא הראהו אלא א"י בלבד" לא נחית אלא לומר, ש„כל הארץ אשר אתה רואה" היא רק א"י, ולא — חו"ל. וק"ל.

26) ראה לך שם (ג־ד) „וילך גו' אל מקום גו' בראשונה" — והרי מקום המזבח „בראשונה" הי' „ההרה" (לך יב, ח).

27) לך יג, יד.

28) ראה לך יב, ז. טו, ז. שם, יח. ועוד.

29) ראה עד"ז יפה תואר שם. משכיל לדוד כאן.

30) ואין רש"י צריך לכתוב זה בפירוש, כי זה מובן מאליו (וכמו שאין רש"י מפרש הטעם ד„קום התהלך בארץ" גבי אברהם).

31) ראה כאן. וראה רמב"ן לך יב, ו. ועוד.

32) ראה גם חדא"ג מהרש"א חולין שם. וראה דרשות הר"ן דרוש ב. ולהעיר מרש"י לך (טו, יח) אמירתו של הקב"ה כאילו היא עשוי'.





(אז זיי זאלן פילן אז דאס זיינען דברים היוצאים מן הלב), וועט דאס לגמרי מבטל זיין דעם ערעור פון די אומות העולם,

קומען צו גיין אידן ר"ל און טענה'ן קאפויר וכו' —

איז רש"י מבאר ומפרט ומוסיף בפירושו על התורה (אויף לשון הגמרא) „רמז לו שתהא נוחה ליכבש לבניו", דער אויבערשטער האט מרמז געווען צו יעקב'ן (און דורך עם אויך „לבניו"), וואס דאס גופא איז א התעוררות ונתינת כח ותביעה כובש זיין — ווארום די גאנצע בריאה איז מיוסד אויף „כל מה שברא הקב"ה בעולמו לא ברא דבר אחד לבטלה"[43], עאכו"כ ווען השם איז עס מרמז אז ער (השם) האט געטאן ניט „דבר אחד" סתם, נאר א נס גדול כו'.

ועוד י"ל אז לויט פרש"י איז דער פירוש „שתהא כו'" — אז עס וועט זיין, דער אויבערשטער האט מרמז געווען צו יעקב'ן א מציאות, אז „בניו" וועלן איינעמען ארץ ישראל גרינגערהייט,

ווארום „הבטיחה תורה שסוף ישראל לעשות תשובה בסוף גלותן"[44], כולל אויך — אז אלע אידן וועלן שטיין נאך „בגלותן" מיטן אמת'ן תוקף אויף אנהאלטן גאנץ ארץ ישראל לגבולותי'"[45], און עס וועט זיין „ומיד הן נגאליך"[44], ע"י משיח צדקנו, במהרה בימינו ממש.

(משיחות מוצאי ש"ק פ' ויצא תשל"ט)

לקו"ש ח"ב ע' 129

43) שבת עז, ב.

44) רמב"ם הל' תשובה פ"ז ה"ה.

45) ועאכו"כ שלא יגרמו לזה, שתמורת ההכנה ל„תהא נוחה ליכבש לבניו", יהי' מצב ח"ו ש„תהא נוחה הארץ ליכבש לפניהם (נכרים ח"ו)" (רש"י ד"ה לספר — עירובין מה, א. שו"ע אדה"ז או"ח ססכ"ט ס"ו) — ע"י שיתנו עיירות הסמוכות לספר בידי נכרים, היפך פסק דין מפורש בשו"ע (או"ח שם) שאפילו דרישתם כניסה לשעה קלה לקחת קש ותבן — איסור פקו"נ דכל הארץ הוא.

## בשורת הגאולה

## כ.

דעם ענין שהזמן גרמא בדורנו זה ובזמננו זה — די גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, ווי גערעדט מערערע מאל לאחרונה, אז איצט האט מען שוין פארענדיקט אלע ענינים און מ'דארף נאר מקבל זיין פני משיח צדקנו בפועל ממש.

. . . על אחת כמה וכמה בדורנו זה ובזמננו זה — וואס לויט די סימנים אין חז"ל (אין מס' סנהדרין, אין מדרשים ובכ"מ) האלט מען שוין בא דער גאולה ממש,

נאָר דאָס איז צוליב אברהם'ן]: די הבטחה פון דעם אויבערשטן „כי לך אתננה" זאָל ביי אים דערפילט ווערן אין אזאַ אופן אויף צו פירן זיך שוין ווי אַ בעה"ב אין לאַנד, כאילו ווי עס איז שוין געוואָרן זיין לאַנד[33] — ער גייט אַרום אין א"י „לארכה ולרחבה" פרייערהייט, ווי אין אַן אייגענעם לאַנד.

משא"כ בנדו"ד (ביי יעקב'ן), האָט דער אויבערשטער מקפל געווען „כל א"י תחתיו", און יעקב האָט דערביי גאָר־ניט געטאָן צו ווייזן זיין בעלות, קיינער האָט עס ניט געזען (געוואוסט דער־פון):

[און נאָך מער: דאָס גופא איז ניט געווען אין אַן אופן אַז דער אוי־בערשטער האָט געזאָגט „שכוב עלי'" — נאָר „וישכב" (יעקב האָט זיך געלייגט מעצמו), און נאָך דעם אַז עס איז שוין דאָ „תחתיו" איז „קיפל הקב"ה כו'" און דערנאָך „ויחלום גו'" און האָט אים גע־זאָגט „הארץ אשר אתה שוכב עלי' לך אתננה גו'"].

איז וואָס האָט זיך דאָ אויפגעטאָן (לגבי יעקב'ן) מיט דעם וואָס „קיפל הקב"ה כל ארץ ישראל תחתיו"[34*]?

ח. אויף דעם איז רש"י ממשיך „רמז לו שתהא נוחה ליכבש לבניו": דאָס וואָס דער אויבערשטער האָט געגעבן יעקב'ן בעלות אויף א"י בלויז דורך זיין „שוכב עלי'" — ניט ווי ביי אברהם'ן וואו ס'איז געווען „קום התהלך בארץ" — איז דער חידוש אין דער הבטחה ליעקב לגבי דער הבטחה צו אברהם'ן[34]:

אין דער הבטחה צו יעקב'ן איז געווען דער אויפטו, אַז דער כיבוש הארץ דורך בניו וועט אָנקומען גרינג, אָן קיין טירחא, דער סימן אויף זיין בעלות אויף א"י איז אין אַן אופן אַז ער דאַרף דער־ביי גאָרניט טאָן — ער ליגט על הארץ („שוכב עלי'") און באַקומט דעם ארץ פון אויבערשטן („קיפל הקב"ה כל ארץ ישראל תחתיו").

ולהעיר: דאָ זעט מען ווי דוקא דער לימוד בדרך הפשט ברענגט אַרויס אַ חידוש נפלא — לגבי דרשת חז"ל בגמרא:

לויט דער גמרא קומט אויס, אַז דער „נוחה ליכבש לבניו" איז פאַרבונדן מיט אַ פעולה (וטירחא) פון „בניו", עכ"פ ווי די טירחא וואָס מ'דאַרף האָבן ביים כובש זיין ד' אמות;

טוט אויף רש"י בפירושו על התורה, אַז אויך די טירחא מועטת וועלן די אידן ניט דאַרפן אָנווענדן ביים כיבוש — עס וועט ביי זיי זיין אין אַן אופן פון „שוכב עלי'" און נאָך פון פריער, און דער אוי־בערשטער וועט אַלץ אָפּטאָן, ע"ד ווי חזקי' המלך האָט געזאָגט „אני ישן על מטתי ואתה עושה"[35].

אין פשוט'ע ווערטער: עס איז גענוג אַז אידן זיינען „שוכב עלי'" — און אַלע אומות העולם (וועמען מ'דאַרף כובש זיין) זיינען מודה אַז כל ארץ ישראל — גאַנץ א"י לגבולותי' איז נחלת עולם פון

33) אף שעדיין לא ניתן לו הארץ, וכהמשך הכתוב „כי לך אתננה" [ולהעיר שגם לדעת ר"א (ב"ב שם) קנה אברהם ע"י הילוכו לארכה ולרחבה רק מקום הילוכו (ולא — כל א"י)] — וע"ד מש"נ (לך טו שם) „נתתי את הארץ" — „כאילו היא עשוי'" (כנ"ל) — אף שלא היתה בזה נתינה בפועל, רק „כאילו כו'" (ראה בארוכה לקו"ש חט"ו ע' 204 ואילך).

34) ראה גם חדא"ג מהרש"א שם.

*) משא"כ ע"ד ההלכה — ראה חיב"ע עה"פ. רמב"ן שם. טו. ובארוכה — פרשת דרכים דרוש ט. לקו"ש חט"ו ע' 101 הערה 16. וש"נ.

35) איכ"ר פ"ד, טו.





עם ישראל, אידן האָבן גאַנץ א"י אָן קיין שום מלחמה כו'[36].

ט. דער ביאור בזה בפנימיות הענינים, יש לומר:

ס'איז ידוע וואָס דער מיטעלער רבי — דער בעל הגאולה והשמחה פון יו"ד כסלו[37] — איז מבאר במאמרו הידוע „אתה אחד"[38], אַז אין די ד' אמות פון אַ מענטשן איז מאיר בחי' יחידה שבנפש. וואָרום דאָס איז אַזאַ הויכער מקיף, וואָס קען ניט שורה זיין על הגוף אפילו בבחי' מקיף, און דערפאַר איז דאָס זיך מתפשט אין די ד' אמות של האדם, וואָס דאָס איז מקומו.

און דאָס איז וואָס „קיפל הקב"ה כל ארץ ישראל תחתיו" — די ד' אמות של יעקב — וואָס דערמיט האָט ער פאַר־בונדן די בעלות אויף א"י מיט בחי' יחידה פון יעקב, ובדרך ממילא — מיט בחי' יחידה של כל אחד ואחת מישראל (וואָרום אַלע נשמות זיינען „בניו", כלול (און נעמען זיך) פון נשמת יעקב[39]).

און דאָס איז אויך דער טעם וואָס דאָס האָט אויפגעטאָן „שתהא נוחה ליכבש לבניו", ביז אַז ביי אידן וועט עס זיין אין אַן אופן פון „שוכב עלי'" און אַלץ וועט זיך אָפּטאָן מלמעלה, כנ"ל — ווייל אין בחי' יחידה איז ניט שייך קיין מנגד[40], און דערפאַר ווערט פון דאָרט אויפ־געטאָן דער בירור בדרך ממילא ומאליו, אָן מלחמה, אין אַן אופן פון שלום[41].

יו"ד. נאָך אַן ענין נפלא, וואָס קומט צו אין פירוש רש"י על התורה לגבי דרשת חז"ל בגמרא:

אין גמרא שטייט, אַז דאָס וואָס „קפלה הקב"ה כו'" איז געווען דער טעם על זה „(כדי) שתהא נוחה ליכבש לבניו" — אַז דער אויבערשטער האָט דורך דעם אַריינגעגעבן אַ כח אין א"י, אַז לאחרי זמן און אויב אידן וועלן גיין איר איינ־נעמען, וועט דער כיבוש דאַמאָלס אָנ־קומען גרינג און אַז לך אתננה ולזרעך — דער אויבערשטער וועט עס געבן. אָבער אַז אידן וועלן גיין איינגעמען (אין אַן אופן פון „נוחה כו'") איז ניט געזאָגט געוואָרן.

— היינט זעט מען, ליידער, אַז עס זיינען פאַראַן אַזעלכע אידן ר"ל וואָס מ'דאַרף מיט זיי איינטענה'ן אַז גאַנץ א"י לגבולותי' געהערט צום אידישן פאָלק אַלס אַ נחלת עולם.

רש"י הויבט אָן פירושו על התורה[42], אַז (בלויז) אומות העולם וועלן קומען צו גיין טענה'ן „לסטים אתם כו'"; און נאָך מער: וויבאַלד אַז תורת אמת זאָגט וואָס מ'דאַרף זיי ענטפערן („כל הארץ של הקב"ה . . ברצונו נטלה מהם ונתנה לנו"), איז פאַרשטאַנדיק, אַז אויב נאָר מ'זאָגט דעם ענטפער צו די אוה"ע ווי מ'דאַרף איבערגעבן דעם אויבערשטן'ס רייד און שליחות, מיטן ריכטיקן תוקף

36) ראה רש"י דברים (א, ח): אין מערער בדבר ואינכם צריכים למלחמה כו' (שמזה מובן שלעת"ל יהי' באופן זה). וראה גם רשב"ם ב"ב (הנ"ל הערה 12). משכיל לדוד כאן.

37) בו יצא ממאסרו בשנת תקפ"ז — ראה בפרטיות ס' התולדות אדמו"ר האמצעי (קה"ת) פרק ח.

38) קה"ת, תשכ"ה. וראה גם לקו"ש חט"ו ע' 229. וש"נ.

39) אגה"ק סי' ז (קיא, סע"ב).

40) לקו"ת תצא לז, ג. ובכ"מ.

41) ראה בארוכה שער התפלה לאדהאמ"צ ד"ה פדה בשלום פ"א־ב.

ועפ"ז יש לבאר שייכות דיום גאולת אדהאמ"צ (יו"ד כסלו) לפ' ויצא (שחל תמיד בסמיכות לפ' זו) — ע"פ הידוע (בית רבי ח"ב פ"ה בהערה) שגאולתו היתה בעת אמירת הפסוק (תהלים נה, יט — משיעור תהלים החדשי דיו"ד כסלו) „פדה בשלום גו'".

42) בראשית א, א. וראה משכיל לדוד כאן.